**גוט שבת אלע אידן.** ר' שלמה פאפקא ז"ל איז געווען דער רב פונעם שטאט יאהנסורג, סויט אפריקא ביז זיין הסתלקות אין תשס"ג. איין ערב שבת אינדערפרי בערך 40 יאר צוריק, איז געקומען צו זיין טיר א פרוי וואס איז געווען זייער באזארגט. יענע פרוי איז געקומען ווייל איר נעפיו וואס האט געהייסן "דעוויד קוידער" איז געווען אין זייער א שווערן מצב, ער איז געווען קוים פיר יאר אלט און ער איז געווען אין א קומא, ל"ע, זייט ווען א קאר איז אים איבערגעפארן זעקס חדשים פריער.

"היינט, האט דער דאקטאר מיך געזאגט..." האט די פרוי אנגעהויבן צו דערציילן מיט טרערן אין אירע אויגן, "אז דאס קינד וועט נישט דערלעבן דעם חודש און זיין לוויה וועט זיין מאנטאג!"

ר' שלמה האט נישט געקענט גלייבן אז א דאקטאר זאל רעדן אזוי אכזריותדיג! ער האט שנעל גענומען זיין מאנטל און ער איז ארויסגעפארן צום שפיטאל וואו דער יונגעל איז געליגן. ר' שלמה איז אריינגעקומען אין דעם שפיטאל צימער און ער האט גלייך געזען אז דער מצב איז טאקע געווען שווער. ער האט געזען אז דער יונגעל אטעמט, אבער מער ווי דעם האט ער נעבאך נישט געזען קיין לעבעדיגקייט אין דעם קינד.

ר' שלמה האט געפרעגט די שוועסטער (נוירס) וועגן דעוויד. דאן האט די נוירס נאכגעזאגט וואס יענער דאקטאר האט געזאגט "די לוויה וועט זיין מאנטאג!"

ר' שלמה איז געווארן אויפגערעגט. "דו זאלסט איבערגעבן א מעסעדזש צו יענעם דאקטאר... זאג אים אז קיינער ווייסט נישט וועמענס לוויה וועט זיין מאנטאג!"

ר' שלמה איז צוריקגעפארן צו זיין הויז, וואו יענע פרוי די מומע פון דעם קינד דעוויד האט געווארט. ר' שלמה האט געזאגט צו איר אז זי זאל ווארטען און ער וועט צוריקקומען אין אפאר מינוט. ר' שלמה'ס רבי'צן האט פארברענגט מיט איר ביז דערווייל.

ר' שלמה האט זיך מיישב געווען אז ער וויל שיקן א טעלעגראם צום סאטמאר רב זצוק"ל, בעטען פון אים אז ער זאל דאווענען פאר דעם יונגעל. עס איז נישט געווען קיין סאך צייט בעפאר שבת צו שרייבן א לאנגע טעלעגראם, וועגן דעם האט ר' שלמה פשוט געשריבן דעם יונגעל'ס נאמען מיט די מאמע'ס נאמען און ער האט געבעטען אז דער רב זאל דאווענען שוין יעצט פאר א רפואה שלימה.

נאכדעם וואס ער האט געשיקט דעם טעלעגראם, איז ער צוריקגעגאנגען צו דער פרוי און ער האט איר, און אירע גאנצע משפחה איינגעלאדענט צו קומען צו אים צו דעם פרייטאג צו נאכטס שבת סעודה. אסאך פון יענע משפחה זענען נישט געווען אפילו שומר שבת. "זאג צו זיי אבער, אז זיי קענען נישט צוריקאהיימפארן נאך די סעודה פרייטאג צו נאכטס. זיי מוזען אהיימגיין צו פיס. און אויב עס איז צו ווייט, מיר וועלן זייער ערלעדיגן אכסניה'ס פאר זיי."

יענע פרייטאג צו נאכטס זענען טאקע צוזאמענגעקומען צו ר' שלמה'ס הויז פערציג מענטשן פון דער קוידער משפחה. אין מיטן די סעודה האט ר' שלמה גערעדט צו זיי וועגן דעם וויכטיגקייט פון כשרות, שבת, די יסודות פון א כשר'ע אידישע שטוב און אידישע חינוך. "מיר אלע ווילען אז דעוויד זאל זוכה זיין צו רפואה שלימה, נישט אמת?" האט ר' שלמה געזאגט, "אבער מיר אליינס דארפן עפעס טון דערפון אז דער אייבערשטער זאל מבטל זיין די שלעכטע גזירה."

די בני משפחה האבן ב"ה אפגעמאכט מקבל צו זיין עול מצוות. א גרויסע מעמד איז עס טאקע געווען! "עס איז נישט אזוי שווער," האבן זיי געזאגט צווישן זיי, "מיר קענען עס טון פאר דעוויד'ס וועגן."

זונטאג אינדערפרי, איז ר' שלמה אויפגעוועקט געווארן מיט א טעלעפאן קאל פון איינע פון די נוירסעס אין דעם שפיטאל וואו דעוויד איז געווען.

"איך קען נישט יעצט איבערגעבן קיין פרטים אויפן טעלעפאן, אבער דו מוזט שוין גלייך אריבערקומען צום שפיטאל." ר' שלמה איז געווארן נערוועז ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס איז געשען. ער איז טאקע גלייך געגאנגען צום שפיטאל געוואר צו ווערן וואס די מצב איז טאקע געווען.

ר' שלמה איז שטילערהייט אריינגעגאנגען אין דעוויד'ס צימער, נישט וויסענדיג וואס ער וועט טרעפן. ווען ער איז אריינגעגאנגען האט ער געזען ווי דעוויד'ס עלטערן שטייען מיט שמייכעליך אויף זייערע פנימער. דעוויד איז געווען אויף! ער האט אויסגעריסן די אלע פייפס פון זיין מויל און ער האט געוויינט "מאמא! מאמא!" ר' שלמה מיט די משפחה האבן זיך זייער שטארק געפריידט און זיי האבן געגעבן שבח והודאה פארן רבונו של עולם, דער אמת'ער רופא חולים.

דער דאקטאר וואס האט געזאגט אז דעוויד'ס לוויה וועט זיין אין דעם קומענדיגען מאנטאג, איז נישט געווען אין שפיטאל דעמאלט צו זען דעם נס. יענער דאקטאר איז געווען אינדערהיים זונטאג, און ער האט געפיקסט זיין קאר. פלוצלינג, איז א טראק וואס איז געווען געפארקט אויף א בארג, אראפגעקאלערט. דער טראק האט אריינגעקראכט אין דעם דאקטאר'ס קאר און ער איז נפטר געווארן אויפ'ן פלאץ. זיין לוויה איז גראדע געווען מאנטאג.

א יאר נאך דעוויד'ס פלאדיגע רפואה שלימה, האט ר' שלמה באקומען א בריוו פון דעם סאטמאר רב: "דו זאלסט וויסן..." האט דער סאטמאר רב זי"ע געשריבן... "אז די נשמות פון דעם קינד'ס משפחה האבן געמאכט א גרויסע רעש אין הימעל... צוליב דעם וואס דו האסט זיי צוגערעדט צו צוריקקערן זייערע לעבן און מקבל זיין עול מצוות, איז די גזירה אין הימעל בטל געווארן און דאס קינד איז געראטעוועט געווארן."

ר' שלמה איז געווארן איבערראשט. א יאר פריער ווען ער האט געשיקט דעם טעלעגראם צום סאטמאר רב, האט ער נישט געשריבן קיין פרטים, ער האט נאר געשריבן דעם קינד'ס נאמען!"

עס שטייט אין פסוק "...נח איש צדיק תמים היה בדרתיו" – נח איז געווען א צדיק פון א מענטש, אן אויסגעארבעטע מענטש אין זיין דור. עס זענען דא אסאך פירושים אויף די פסוק. איין פירוש וואס קען אונז אפשר מעורר זיין איז אזוי: ווען די פסוק שטייט, "תמים היה בדרתיו" מיינט עס אפשר אזוי: נח איז געווען דער "תמים" – ד"ה דער צדיק פונעם דור. און פארוואס נוצט די פסוק א לשון רבים מיט דעם ווארט "דרתיו?" ווייל עס מיינט אפשר צו זאגן אז יעדע דור האט זיין צדיקים. פארוואס האט די תורה געדארפט אונז קומען לערנען דעם מוסר? ווייל עס זענען דא מענטשן וואס מאכן א טעות מיט זייער זאגן, "אה... די צדיקים פון אמאל... עס איז שוין נישט דא אזעלכע צדיקים אין די וועלט."

מען זעט פונעם מעשה די מוראדיגע מדריגה פון דעם סאטמאר רב זי"ע. ווי אזוי האט ער געוואוסט און געזען אזעלכע זאכן? די תירוץ איז אז דער אייבערשטער טוט שענקען ברוב חסדיו אין יעדן דור צדיקי אמת. ב"ה אז מיר זענען זוכה צו קענען וואוינען אין דעם אנוועזנדיקייט פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. דורך האבן א נאנטע שייכות מיט א צדיק קענען מיר אלע "אריינכאפן" און נהנה זיין פון די השפעות טובות וועלכע קומען אראפ דורך דעם צדיק. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר בערל לעווין הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו שמעון הי"ו

מזל טוב למוה"ר שלום בער פישעל הי"ו ולמוה"ר אלימלך זאב גלאנץ שליט"א לרגל נישואי בתו עם בנו

מזל טוב למוה"ר דוד שמואל צבי פאל הי"ו ולמוה"ר שמעון שלום ביסטאן הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו עם בתו

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**